דער בלעטל

# טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

וישב
כ"ג כסלו תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

גליון מס': קס"ד
שנה ד'

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:01 |
| מוצש"ק | 5:17 |
| ר"ת | 5:54 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:13 | סוז"ת א' | 9:20 |
| סוזק"ש ב' | 8:59 | סוז"ת ב' | 9:50 |

## טיב הפרשה

# נלכה דתינה

## די מסירות נפש פון יוסף הצדיק

אין די קומענדיגע סדרות לערנען מיר איבער יוסף הצדיק און איבער זיין לעבן און די דורכגענג וואס ער איז אריבער אין מצרים.

מיר ווייסן דאך אז יעדע ווארט פון די תוה"ק איז אויסגערעכענט ביז צום לעצטן טראפ, אז מען דרשנ'ט פון יעדן איינציגסטן ווארט בערג פון הלכות, און אז די תוה"ק ווידמעט פאר איר אזא לאנגע פרשה איז עס א צייכן אז יעדע ווארט איז א לימוד פאר אונז.

מען דארף נישט גיין צי ווייט צו זוכן וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון דאס לעבן פון יוסף הצדיק. די געשעענישן וואס ער איז אריבער אין מצרים איז איין לאנגער קייט פון ענדלאזע מסירות נפש און איבערגעגעבנקייט פאר תורה, אויך אין די שווערסטע זמנים, אריבערגייענדיג שווערע נסיונות און מיטמאכענישן פון די ערגסטע דרגה.

עס איז דא אסאך וואס צו לערנען פון אים, אבער לאמיר זיך קאנצענטרירן אויף איין נקודה. איינס פון די י"ג עיקרים אין אמונה איז די 'אני מאמין' אז הקב"ה איז גומל טוב לשומרי מצותיו, און דאגעגן איז ער מעניש לעוברי מצותיו.

גלאטערהייט וואלט געדארפט זיין אז ווען א איד טוט גוטס באקומט ער פאר דעם גוטס, און ווען א איד טוט נישט גוטס וואלט אים געדארפט באטרעפן דאס פארקערטע. נישט אייביג זעט מען די הנהגה מיט א קלארקייט, צומאל זעט מען די פארקערטע, אבער מיר אידן בני מאמינים גלייבן אז יעדער זאך האט אויסער די איינפאכע ערקלערונג א טיפערע ערקלערונג, אבער צומאל גייט דער נסיון א טרעפל ווייטער, אז נאך איידער מען הייבט אן טון די זאך זעט מען שוין אז דער אויסגאנג גייט זיין אומגינסטיג.

אין אזא פאל איז דער נסיון זייער גרויס, דער מענשט זעט פאר זיך די בראך, די שווערע אויסגאנג פון זיינע מעשים, אבער ער שטארקט זיך און ברעכט זיך נישט אונטער, נאר ער האלט זיך ווייטער אן אין די אמונה און טוט וואס מען האט צו טון, ער מאכט

## טיב המערכת

# די עצה פון א צדיק

עס איז אמאל געווען א מעשה מיט א חסיד וועלכער האט עוסק געווען במשא ומתן, און יעדן מאל וואס ער האט געוואלט שליסן עפעס א געשעפט איז ער געגאנגען פרעגן אן עצה פון זיין רבי'ן, און ער האט נישט צוגעשטימט צו טון קיין שום געשעפט ביז זיין רבי האט צוגעשטימט דערצו, אבער צו דעם חסיד האט נישט געשיינט די הצלחה, און אויך נאכדעם וואס זיין רבי האט צוגעשטימט צו זיינע הצעות האט ער שטענדיג געהאט שאדן אין זיינע געשעפטן. אויך א שותף האט דער חסיד געהאט, וועלכער האט זיך נישט געציילט צווישן די חסידים, און פאר אים איז נישט אנגעגאנגען וואס איז דער מיינונג פונעם רבי'ן איבער זיינע געשעפטן. ער איז אבער געווען געבינדן צו דעם חסיד, און האט נישט געקענט דורכפירן קיין שום געשעפט אן זיין הסכמה, און אזוי איז ער געווען געצוואונגען צום מיינונג פונעם רבי'ן.

איינמאל האט זיך זיי געמאכט עפעס א געשעפט וואס עס איז געווען קענטליך אז שיינע פארדינסטן וועלן ארויסקומען דערפון, און כדי עס נישט צו פארפאסן האבן זיי געדארפט שנעל באשליסן דערויף. דער חסיד איז אבער געשטאנען פעסט ביי זיינס, אז ער פירט נישט דורך דעם געשעפט איידער ער רעדט זיך דארט מיט זיין רבי'ן. דא האט שוין געפלאצט דער געדולד פונעם שותף, און ער האט אים געפרעגט צארנדיג: קענסט דען נישט דערלייגן אן צו פרעגן די עצה פון דיין רבי'ן? דאס מיינט – צודען אין אלע פריערדיגע פעלער וואס דו האסט געפרעגט דיין רבי'ן, האט דיר דען געשיינט די הצלחה, אז דו ביסט נישט מסכים צו דורכפירן קיין שום געשעפט אן זיין צושטימונג?

האט אים דער חסיד ערקלערט ווי פאלגנד: ווען איך פרעג די עצה פון מיין רבי'ן, האב איך נישט אינזין אז דער רבי זאל מיר זאגן צי איך וועל מצליח זיין מיטן געשעפט, נאר איך וויל אז דער רבי זאל מיר ווייזן דעם וועג, צי איך פיר זיך אויף ריכטיג מיטן דורכפירן דעם געשעפט, און צי עס איז נישטא אין דעם ח"ו קיין נדנוד איסור, אבער בנוגע צו מיין הצלחה – דאס פרעג איך נישט, וויבאלד איך גלייב אז דאס וואס איז באשערט פאר מיר וועט מיר דערגרייכן, און וואס נישט, נישט.

אט דער חסיד, ווען ער האט געפרעגט אן עצה פון זיין רבי'ן, האט ער נישט אינזינען געהאט צו פרעגן אויב ער וועט מצליח זיין אדער נישט, אבער אויך די וועלכע הענגען יא אן זייערע הצלחות אינעם עצה פון דער צדיק, דארפן אויך וויסן אז אויך ווען זיי האבן געטון עפעס לויט זיין עצה און צום סוף האט די הצלחה נישט געשיינט, זאל ער נישט אנהענגען דעם חסרון אינעם צדיק, ווייל צומאל טוט מען עס פארהוילן פון זיינע הייליגע אויגן, און דער אויבערשטער וואס ער איז דער מסבב כל הסיבות, האט אזוי צוגעפירט אז ער זאל טון אזוי און אזוי, און נאר פאר אים איז אנטפלעקט דער תועלת וואס דער מענטש וועט האבן דורכדעם.

און אזוי זעען מיר אין די פרשה פון די וואך, אז ווען יעקב אבינו האט געשיקט יוסף צו זען וואס עס מאכן זיינע ברידער, אין דער זעלבער צייט רופט אים די תורה מיטן נאמען 'ישראל' וואס דאס ווייזט אז ער איז דעמאלטס געווען בגדלות המוחין, און ער האט גוט אפגעוואויגן ביי זיך צי עס איז כדאי צו שיקן יוסף אדער צוליב די שנאה פון זיינע ברידער איז בעסער אים נישט צו שיקן אהין, און פונדעסטוועגן האט ער באשלאסן אים צו שיקן. פון זיין זייט האט ער גענומען דעם גאנצן אחריות, אבער צום סוף האט מען געזען ווי דער אויבערשטער עס אנדערש צוגעפירט, זעען מיר אז אויב דער אויבערשטער וויל טוט ער פארהוילן דער זאך פון די אויגן פונעם צדיק, און דאס ווייזט נישט אז עס איז דא עפעס א פגם אין אים.

(עפ"י טיב התורה – וישב)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320




>>> | טיב הפרשה | המשך פון עמוד א' |

נישט קיין חשבונות לכאן אדער לכאן, נאר ער טוט וואס ער האט צו טון בנאמנות.

די פאל איז אויך געווען דער פאל פון יוסף הצדיק, ווען יעקב אבינו האט אים געהייסן ער זאל גיין באזוכן די שבטים. עס איז נישט געווען קיין סוד ביי יוסף הצדיק אז זיינע ברידער האבן אים פיינט, און אז אויב זיי וועלן אים טרעפן אליין אין פעלד וועלן זיי אים שעדיגן.

אויב יוסף הצדיק האט געצווייפלט אין דעם, האט ער באקומען א ידיעה דורך מלאך גבריאל אז זיינע ברודער פלאנעווען אויס אויף אים שלעכטס און אז זיי טראכטן אויס אויף אים שלעכטע זאכן, אבער מיט דעם אלעם האט יוסף הצדיק זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון גארנישט, ער האט ממשיך געווען אין זיין וועג, ווי גארנישט וואלט נישט פאסירט, גרייט מקיים צו זיין דער רצון פון זיין טאטע בתמימות.

שפעטער האט ער זיך טאקע געקענט איבערצייגן אז די אלע סיגנאלן וואס ער האט באקומען איז טאקע אמת און אז מען האט אים טאקע פארקויפט אלץ א קנעכט, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך נישט גערעכענט מיט דעם און איז נישט געווארן בייז אויף איינעם, אדער אנטוישט פון איינעם, אז פאר'ן מקיים זיין א מצוה בשלימות האט ער געצאלט אזא פרייז, און דאך האט יוסף הצדיק נישט פארלוירן זיין אמונה, נאר עס אנגעהאלטן מיט די גאנצע כח און זיך געוואלט מדבק זיין אין איר, און ווען ער האט געהאט נסיונות האט ער זיך דערמאנט פון זיין טאטע, ער האט געהאלטן פאר זיינע אויגן די דמות דיוקנו פון זיין טאטע און געבליבט ווייטער אין די תורה, אין די מצוות, זייענדיג דבוק אין איר בלב ובנפש, מיט אלע זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים.

אויך שפעטער שוין זייענדיג אין מצרים, האט ער מיטגעמאכט מיט די אשת פוטיפר, זי האט געמאכט אויף אים א בלבול און מען האט אים אריינגעזעצט אין תפיסה. אויך זיצנדיג אין תפיסה האט ער זיך געהאלטן מיט'ן אידישקייט און זיך געשטארקט בתורה ובמצוות, און זיין שטארקע געבינדענקייט אין אמונה האט זיך נישט אפגעשוואכט.

נאר נאכ'ן זיין דארט אין די תפיסה, האט ער זוכה געווען אז נאך דעם זאל ער זען די טובה פון די גאנצע זאך אז ער זאל אנקומען צו ווערן דער מלך פון מצרים און דער שפייזער פון זיין טאטע און די גאנצע משפחה.

דער געדאנק איז א לימוד פאר יעדן מענטש. אסאך מאל דוכט זיך פאר'ן מענטש אז זאכן זעען אים אויס נישט גוט, ווי עס איז נישט פאר זיין טובה וועגן, אבער עס ווערט מקויים ביי אים דער 'אלקים חשבה לטובה' אז עס ווערט נתגלה אויף למפרע די געוואלדיגע טובה וואס איז געלעגן אין דעם, און ווי אזוי אלעס האט זיך געפירט צום גוטנס, אויפ'ן ריכטיגן וועג.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין זיך צו האלטן ביי די אמונה און עומד זיין אין אלע נסיונות און זיך האלטן שטארק ביי די אמונה אייביג און אין יעדן מצב, אויך ווען זאכן גייען אין פונקט די פארקערטע ריכטונג, אז עס זעט נישט אויס גוט, ווייל באמת איז אלעס לטובה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הדך ליינערס

## אנשים אחים אנחנו

זייענדיג אויפ'ן וועג אהיים פון ניו דזשערסי קיין לעיקוואד האב איך באמערקט פונדערווייטענס אז א קאר שטייט אין די זייט פון די שאסיי, נאכ'ן אריבערגיין אן עקסידענט.

אלע סימנים האט געוויזן אז דער וואס שטייט דארט איז א היימישער איד, ער איז געשטאנען דארט איינער אליין, הילפלאז.

זעענדיג א היימישער איד האב איך זיך אפגעשטעלט, איך בין ארויס פון די קאר און אים געפרעגט צי איך קען אים העלפן.

צו מיין איבערראשונג איז נישט געווען קיין עק, זעענדיג אז דער וואס שטייט דארט איז נישט קיין צווייטער ווי מיין איינציגסטער ברודער.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז געווען אויפ'ן וועג אהיים פון שפיטאל מיט זיין פרוי און זיין קינד, און יעצט האט ער זיך געאיילט אהיימצופארן, אבער עס האט פאסירט אויפ'ן וועג אן עקסידענט.

ברוך ה' זיי זענען ארויס בשלום, און איך האב זיך געפרייט אז כ'קען זיי העלפן, מען האט אריבערגעלייגט די זאכן פון איין קאר צו די אנדערע, און עטליכע מינוט שפעטער זענען מיר שוין געווען אונטערוועגנס אהיים קיין לעיקוואד.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב געקענט זיין דער שליח אים אהיימצונעמען און ארויסצוהעלפן אין א צייט פון נויט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ס.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## כִּבּוּד אָב וָאֵם

**"וַיִּקְרַע יַעֲקֹב שִׂמְלֹתָיו, וַיָּשֶׂם שַׂק בְּמָתְנָיו, וַיִּתְאַבֵּל עַל בְּנוֹ יָמִים רַבִּים"** לז, לד

און **רש"י** ערקלערט: "עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה, מִשֶּׁפֵּרַשׁ מִמֶּנּוּ עַד שֶׁיָּרַד יַעֲקֹב לְמִצְרַיִם, כְּנֶגֶד עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה שֶׁלֹּא קִיֵּם יַעֲקֹב כִּבּוּד אָב וָאֵם". און אזוי שטייט אויך אין **מדרש בראשית רבתי (אין די היינטיגע פרשה)**: "יַעֲקֹב עָבַר עַל מִצְוַת כִּבּוּד הָאָב, וְנֶעֱנַשׁ שֶׁעָמַד יוֹסֵף חוּץ מִמֶּנּוּ כ"ב שָׁנָה, כְּאוֹתָן כ"ב שָׁנָה שֶׁעָמַד יַעֲקֹב חוּץ מֵאָבִיו".

פון דא לערנען מיר ארויס, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט די געוואלדיגע מצוה פון **'כיבוד אב ואם'**, ווייל כאטש עס איז נישט אנגעקומען אזא גרויסער צער פאר יצחק צוליב יעקב, אזוי ווי דער צער וואס יעקב האט געליטן פון יוסף. – פונדעסטוועגן, לויט די מדריגה פון יעקב אבינו ע"ה האט מען מדקדק געווען מיט אים, און ער איז באשטראפט געווארן מיט גרויס צער און א שווערער טרויער.

און מידה טובה מרובה, אז ווער עס געבט אכטונג און איז מהדר מיט די מצוה, איז זיין שכר זייער גרויס, פירותיה בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא **(פאה פ"א מ"א)**.

***

צוריק מיט אסאך יארן האט מיר געפרעגט אן אמעריקאנער יונגערמאן, א תלמיד פון די באוואוסטע **מירער ישיבה**, היות זיין טאטע גייט אנקומען בקרוב פון חוץ לארץ פאר א קורצער באזוך אין ארץ הקודש, און ווי עס זעט אויס וועט ער אים דארפן באדינען און אים באגלייטן ביי זיינע שפאצירן און נסיעות איבערן לאנד, דעריבער וויל ער וויסן אויף ווי ווייט ער איז מחויב זיך צו באטייליגן מיט אים ביי די אלע נסיעות און געגייעכטסער.

האב איך אים געשיקט מיט זיין שאלה צום ראש ישיבה, מרן **הגאון רבי חיים שמואלביץ זצוק"ל**, אז ער זאל אים פסק'נען להלה וואס ער זאל טון, און אויך כדי אים צו בעטן רשות פאר די צייט וואס ער וועט דארפן פעלן פון ישיבה צוליב די מצוה פון כיבוד אב.

די ענטפער פונעם גאון זצ"ל האט ערשטוינט דעם יונגערמאן:

דו זאלסט מכבד זיין דיין טאטן, האט דער ראש ישיבה גע'פסק'נט, פונקט ווי דו וואלטסט מכבד געווען דעם גדול הדור און א צדיק מפורסם, 'רבן של כל בני הגולה', אויב ער וואלט געקומען צו דיר אויף א באזוך! – אויך אויב דיין טאטע איז נישט קיין 'תלמיד חכם', דארפסטו אים מכבד זיין "מדין אב", **פונקט אזוי ווי מען איז מכבד דעם רבן של כל בני הגולה!**

וְהַדְּבָרִים מַבְהִילִים עַל הָרַעְיוֹן.

***

**אבי מורי זצוק"ל**, איז געווען א יתום פון טאטע און מאמע פון די עלטער פון אכט יאר. ווען זיין ערשטע טאכטער איז אים געבוירן געווארן למזל טוב, האט ער איר זייער געוואלט געבן דעם נאמען אויפן נאמען פון זיין מאמע עליה השלום, וואס דעמאלטס האט נאך קיינער נישט געגעבן א נאמען נאך איר. – אבער זיין שוויגער, דאס איז **מיין באבע הרבנית ע"ה** האט געוואלט אז מען זאל איר געבן דעם נאמען נאך איר מאמע.

איז מיין טאטע זכרונו לברכה געגאנגען פרעגן אן עצה פון **הרה"צ רבי שמואל דייטש זצ"ל**, מיט וועמען ער פלעגט זיך אסאך שואל עצה זיין, און האט אים געפרעגט וואס ער זאל טון.

די תשובה פונעם רב איז געווען, אז וויבאלד ער עסט יעצט **קעסט** ביי זיין שווער, איז כדאי אז ער זאל מכבד זיין די שוויגער. – וויבאלד אויך איר איז ער מחויב צו מכבד זיין אלץ די מצוה פון כיבוד אב ואם, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין **שולחן ערוך יורה דעה** (סימן ר"מ סעיף כ"ד, און זע דארט אין פתחי תשובה ס"ק כ') – און איר געבן דער דין קדימה מיטן געבן דעם נאמען, צוליב **הכרת הטוב** וואס ער איז זיי שולדיג, ווייל הכרת הטוב איז דוחה אלע אנדערע צדדים. און נאכדערצו, אז מיר פירן זיך דאך על-פי-רוב צו געבן דעם נאמען פונעם ערשטן קינד נאכן צד פון די מאמע פונעם קינד, און אזוי האט ער טאקע געטון, אז ער האט געגעבן דער נאמען אזוי ווי זיין שוויגער האט געוואלט.

מיט יארן שפעטער, ווען מיין שוועסטער איז אנגעקומען צו דער עלטער פון שידוכים, האט מען געטראפן פאר איר א חתן פון די גאר בעסטע, וואס איז געווען פאסיג פאר איר פון אלע בחינות. – די מאמע פונעם חתן איז די זעלבע ווי די מאמע פון מיין טאטע ע"ה, און אויב וואלט מיין טאטע געגעבן פאר מיין שוועסטער דער נאמען וואס ער האט איר געוואלט געבן ביי איר געבורט, וואלט דער שידוך נישט צושטאנד-געקומען, צוליב דער איסור פון 'כלה וחמותה' וואס איז גע'אסר'ט געווארן אין די צוואה פון **רבי יהודה החסיד ז"ל** (ס"ק כ"ג). דעמאלטס איז נתברר געווארן אויף צוריק-וועגס דער **'טיב ההשגחה'** העליונה וואס איז געווען אינדערצייט פונעם געבן דעם נאמען פארן טאכטער, פונקט ווי מיר ווערן מושגח פון אויבן אין יעדן פרט און אין יעדן ענין.

***

צום באדויערן, איז דא א שטיקל זלזול אין דעם אינעם היינטיגן דור, און דאס דיסציפלין וואס איז אמאל געווען פון די זין און טעכטער צו זייערע עלטערן איז נישט פונקט אזוי ווי עס איז געווען אין די פריערדיגע דורות, די יונגווארג ווערן צוגעוואוינט צו ווערן מער און מער פארפּיעטשעט [מפונק], אויסניצנדיג זייערע עלטערן לויט זייער געברויך, און זענען נישט מקפיד זיי צו מכבד זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין. – איבערדעם האב איך אמאל געהערט פון **אמי מורתי ע"ה**, ווען זי האט אמאל געזען ווי די יונגע קינדער פונעם היינטיגן דור פאדערן פון זייערע עלטערן זייער וואונטש מיט אזא אויסדריקליכקייט [נחרצות], האט זי זיך אויסגעדריקט אז מיט אזא אויפפירונג איז פארדרייט געווארן די יוצרות, און עס איז ביי אונז מקוים געווארן "כַּבֵּד אֶת בִּנְךָ וְאֶת בִּתְּךָ"... רחמנא ליצלן.

**כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זצוק"ל בעל ויואל משה**, האט זיך אמאל שארף אויסגעדריקט: מיילע, דאס וואס די יונגווארג האלטן זיך אלעמאל **קלוגער ווי זייערע עלטערן**, דאס קען מען נאך פארטראגן, אבער דאס וואס זיי האלטן זיך **מער ערוואקסן** פון זייערע עלטערן, דאס קען מען שוין נישט אויסהאלטן...

***

אין א געלעגנהייט האט מיר מורינו **הגה"צ רבי ישראל יעקב פישר זצוק"ל ראב"ד דפעיה"ק** געזאגט, אז אסאך יסורים און עגמת נפש וואס א מענטש ליידט אין זיין לעבן, איז דערפאר וואס ער האט מצער געווען זיין טאטע און זיין מאמע, און האט זיי נישט מכבד געווען אזוי ווי עס וואלט געפאסט פאר זיי. און אויב וואלטן מענטשן געוואוסט אויף ווי ווייט די מצוה דערגרייכט, און אויך ווי שטארק עס איז די **פירותיהם בעולם הזה** (פאה פרק א' משנה א'), וואלט מען זייער שטארק מהדר געווען אין דעם, און מען וואלט איינגעשפּאָרט פון זיך און פון די הויזגעזינד, פיל צער און טרויער.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין **רש"י** פרשת יתרו (שמות כ, יב): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ. – אִם תְּכַבֵּד יַאֲרִיכוּן, וְאִם לָאו יִקָּצְרוּן, שֶׁדִּבְרֵי תּוֹרָה נוֹטְרִיקוֹן הֵם נִדְרָשִׁין, מִכְּלָל הֵן לָאו וּמִכְּלָל לָאו הֵן".

***

אין ירושלים עיר הקודש אינעם פריערדיגן דור, האט געוואוינט **הר"ר משה בלוי זצ"ל**, וועלכער איז באוואוסט געווארן מיט זיינע פילע צדקות און גוטע פעולות פאר די איינוואוינער פון די הייליגסטע שטאט, קַרְתָּא דְשׁוּפְרַיָּא.

איינמאל האט מען אים געזען גיין מיט זיין טאכטער אין גאס, ווען ער טראגט אין האנט א **גרויסן טאפ** מיט געקעכטס, וואס מען האט אנגעגרייט ביי אים אינדערהיים, פאר זיין מאמע די אלמנה. אזוי גייענדיג צום הויז פון זיין מאמע מיטן טאפ אין האנט, האט אים איינער פון זיינע חברים אויפגעמערקט אז עס איז נישט מכובד'יג פאר אַן איש מכובד אזוי ווי ער, מיט א טאפ אין האנט... מעגליך וואלט בעסער געווען צו לייגן א דעקל אויפן טאפ, און עס געבן פארן טאכטער אז זי זאל עס האלטן אין האנט...

רבי משה האט אבער נישט פארשטאנען וואספארא בזיון איז דא. "פאר וועמען איז דען דער טאפ געמאכט געווארן"?! האט ער יענעם געפרעגט. "יעדער ווייסט דאך אז דאס איז פאר מיין מאמע די אלמנה! אויב אזוי, פארוואס זאל איך מיך נישט אנשטרענגען בפועל פאר די מצוה פון כיבוד אם, אינדערצייט וואס אונזערע הייליגע חז"ל זענען מעיד פאר אונז (קידושין מא.) אין אלע אזעלכע און ענדליכע ענינים, אז **מִצְוָה בּוֹ יוֹתֵר מִבִּשְׁלוּחוֹ**! אדרבה, דאס איז מיין כבוד און נישט מיין בזיון"...

***

המשך אין עמוד ד'

**הרה"ק מראדזין זצוק"ל בעל התכלת,** האט מיט איבער הונדערט יאר אנטפלעקט דער **חלזון** וואס מען דארף האבן כדי צו מאכן דעם פארב פאר די תכלת אין די ציצית. ווי באוואוסט, האט דער ראדזינער צדיק לאנגע יארן נאכגעפארשט איבער די תכלת, און האט זיך מוסר נפש געווען נישטערנדיג עס אין פארשידענע לענדער, און האט מחבר געווען א גאנצער ספר דערויף, וואס ווערט אנגערופן **'ספר התכלת',** וואו ער האט קלארגעמאכט זיין מיינונג אז דאס איז טאקע דער חלזון וואס מען דארף האבן דערצו, און דאס איז דער תכלת פארב פון וועלכע אונזערע הייליגע חז"ל רעדן.

עס זענען אבער געווען אסאך חכמי ישראל אין זיין דור, וועלכע האבן נישט אנגענומען זיין מיינונג, און האבן געהאלטן אז די תכלת פון וועלכע די תורה רעדט, איז נאך אלץ פארהוילן פון אונז. און אזוי איז דער הייליגער ראדזינער צדיק ארומגעגאנגען צווישן די צדיקים און רבנים, ראשי אלפי ישראל, כדי זיי אויפצווייזן די ריכטיגקייט פון די תכלת וואס ער האט געפינען.

ווען ער איז אנגעקומען צו **הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זצוק"ל,** האט ער ווי זיין שטייגער זיך געוואלט מפלפל זיין מיט אים אויף די לענג און די ברייט פון די תורה הקדושה, אין די סוגיות וואס זענען עוסק אין די מצוה פון תכלת. – דער הייליגער בעלזער רב האט אבער נישט געוואלט אריינגיין אין די טיפענישן פונעם סוגיא, אזוי ווי די אנדערע גדולי הדור וואס פלעגן אריינגיין מיט אים בעומקה של הלכה, טראצדעם וואס דער מהרי"ד איז געווען א גאון עצום און איז געווען פון די גאוני הדור כידוע. נאר מיט א געוואלדיגע פשטות האט ער געזאגט צו אים: די מצוה פון ציצית האב איך מקבל געווען פון מיין הייליגער טאטע [מהר"י זצוק"ל מבעלזא], אזוי ווי דאס גאנצע קיום פון די תורה איז ביי אונז אלעס לויט די מסורה און די קבלה וואס מיר האבן מקבל געווען מאבותינו ורבותינו הקדושים נ"ע, און מיין הייליגער טאטע האט מיר אנגעטון מיט אזעלכע ציצית, אן די תכלת. און ווען ער האט געלערנט מיט מיר די גמרא אין מסכת מנחות (מג:): "מַה נִּשְׁתַּנָּה תְּכֵלֶת מִכָּל מִינֵי צִבְעוֹנִין, מִפְּנֵי שֶׁהַתְּכֵלֶת דּוֹמֶה לַיָּם, וְיָם דּוֹמֶה לָרָקִיעַ, וְרָקִיעַ לְכִסֵּא הַכָּבוֹד". אויב אזוי דארף די תכלת זיין ענדליך צו דער ים, און איך ריר זיך נישט אוועק פון די תורה פון מיין טאטע אפילו אויף א האָר, און הלוואי זאל איך זוכה זיין צו אויספירן די תורה און עס מקיים זיין אזוי ווי מיין טאטע האט מיר אויסגעלערנט. – און דערמיט האט ער אפגעשטופט די תכלת און האט נישט צוגעשטימט עס אריינצוברענגען אין זיין קהילה.




***

אונזער מחותן, הגאון הצדיק **מורינו הרב רבי זונדל קרויזער זצוק"ל בעל אור החמה,** איז אמאל אנגעקומען צו דער 'ירושלים בני ברק' טעקסי סטאנציע, ביים העברן טייל פון דער **שטראוס גאס** אין ירושלים (ביים ווינקל פונעם **חיי אדם** גאס). אזוי ווארטנדיג אז דער אויטא זאל זיך אנפולן און מען זאל זיך קענען ארויסלאזן אויפן וועג קיין בני ברק, האט ער פלוצלונג געזען פונעם פענסטער זיין טאטע **מוהר"ר אליהו צבי זצ"ל,** וואו ער גייט אריבער דעם שטראוס גאס, אויפן וועג צו רחוב 'בליליוס' צוריקקומענדיג פון 'זכרון משה' צו זיין הויז. – ווי נאר ער האט אים געזען, איז רבי זונדל ארויסגעשפרינגען פונעם טעקסי, און האט זיך אויפגעשטעלט מיט הכנעה און יראת הכבוד, טראצדעם וואס זיין טאטע האט אים בכלל נישט געזען, און אזוי האט ער געקוקט אויף זיין טאטע, די גאנצע צייט וואס ער איז אריבערגעגאנגען דעם שטראוס גאס, ביז ער האט פארגעזעצט זיין וועג.

נאכדעם וואס ער האט מער נישט געקענט זען זיין טאטן פאר זיינע אויגן, איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ אינעם אויטא, וואס איז שוין דערווייל פול געווארן מיט רייזנדע, און איז ארויסגעפארן אין וועג.

[**אמר הכתוב:** איבער אט די הלכה, האבן שוין די אחרונים דן געווען, צי עס דא א חיוב זיך אויפצושטעלן פאר א טאטע אדער רבי אינדערצייט וואס דער טאטע אדער רבי זעט אים נישט. זע **שער אפרים** (סי' ס"ח) ובהגהת בנו הרב, **גינת ורדים** (יו"ד כלל ד' ס"ב), **ברכי יוסף להחיד"א** (יו"ד סי' רמ"ד סק"ב) ושיורי ברכה שם, **פרח שושן** (יו"ד כלל ד' סי' א'), **ערוך השולחן** (יו"ד סי' רמ"ד ס"ז), **בן איש חי** פר' תצא (אות טו) און נאך. – ווי עס זעט אויס, האט רבי זונדל זיך דא געפירט מיט א סלסול [ספעציעלער הידור], אזוי ווי די פוסקים שרייבן דארט, אז אלץ מידת חסידות איז כדאי צו מהדר זיין און זיך אויפשטעלן אפילו אין אזא פאל, עיין שם].

***

איך געדענק פון מיינע בחור'ישע יארן, ווען איך פלעג צוריקקומען אום ליל שבת קודש פונעם **טיש** אין א שפעטע שעה, איז איידער איך בין אריינגעקומען אין הויז האב איך אויסגעטון די שיך אינדרויסן פון שטוב, און אזוי בין איך שטילערהייט אריינגעגאנגען אויף די שפיץ פינגער אין שטוב, כדי נישט צו וועקן מיינע עלטערן.

**זאל מען שטארק אכטונג געבן דערויף, און איבערהויפט קען זיך דאס טרעפן ביי יונגע בחורים וואס קומען אהיים אין א שפעטע שעה, אז מען זאל אכטונג געבן און נישט אויפוועקן די עלטערן פון זייער שלאף. און אוודאי זאל מען זיי נישט לאזן אזוי דאגה'ן פאר אים ביז שפעט ביינאכט, וואס דאס איז פון די גאר הארבע זאכן.**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173